ספרי׳ — **אוצר החסידים** — ליובאוויטש

קובץ

היכל תשיעי | שלשלת האור | שער שלישי

# לקוטי שיחות

על פרשיות השבוע, חגים ומועדים

מכבוד קדושת

## אדמו״ר מנחם מענדל

זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

## בראשית

**(חלק טו — שיחה ד)**

יוצא לאור על ידי מערכת

**„אוצר החסידים״**

770 איסטערן פּאַרקוויי     ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים ושלש לבריאה

שנת הקהל

מאה ועשרים שנה להולדת כ״ק אדמו״ר זי״ע

מחזור הראשון של לימוד הלקוטי שיחות

שבוע פרשת בראשית, כא־כז תשרי, ה׳תשפ״ג (ב)

**Likkutei Sichot**

Copyright © 2022
by

Kehot Publication Society
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / FAX (718) 774-2718
editor@kehot.com / www.kehot.org

All rights reserved. No part of this publication may be reproduced, stored in a retrieval system, or transmitted in any form or by any means, electronic, mechanical, photocopying, recording, or otherwise, without prior permission from the copyright holder.

The Kehot logo is a registered trademark of Merkos L'Inyonei Chinuch.

For dedications of the weekly Sichos, please contact us at: dedications@kehot.com

# בראשית ד

א. אין פסוק[1] „ויבא קין מפרי האדמה מנחה לה׳״, שטעלט זיך רש״י אויף די ווערטער „מפרי האדמה״ און איז מפרש: מן הגרוע ויש אגדה[2] שאומרת זרע פשתן הי׳.

דער הכרח פון רש״י צו לערנען אַז קין האָט געבראַכט „מן הגרוע״, איז פאַר־שטאַנדיק בפשטות (ווי דער רא״ם[3] איז מבאר) — „דאם לא כן מה טעם ואל[4] קין ואל מנחתו לא שעה?״[5].

מען דאַרף אָבער פאַרשטיין וואָס רש״י ברענגט די „אגדה״ אַז „זרע פשתן הי׳״: למאי נפק״מ אין פשוטו של מקרא צי די מנחה „מן הגרוע״ איז געווען „זרע פשתן״ אָדער אַן אַנדער מין פרי האדמה?

מ׳קען ניט פרעגן: וואָס איז די ראי׳ פון פשוטו של מקרא אַז „זרע פשתן הי׳״[6]? ווייל פון דעם גופא וואָס רש״י ברענגט דעם ענין בשם האגדה — ניט ווי דעם אָפּטייטש „מן הגרוע״ וואָס ער שרייבט ניט פון וואַנען ער נעמט עס (כאָטש אויך דער ענין שטייט אין אגדה[7]) — איז פאַרשטאַנדיק, אַז פון פשטות הכתובים איז טאַקע ניט מוכח אַז ער האָט געבראַכט זרע פשתן (און דער מקור אויף דעם איז נאָר פון אגדה);

וויבאַלד אָבער רש״י ברענגט די אגדה אין זיין פירוש על התורה, מוז מען זאָגן אַז דאָס איז (בלשון רש״י[8]) אַן „אגדה המיישבת דברי המקרא״; דאָס הייסט, אַז עס איז דאָ אַ שוועריקייט אין פסוק וואָס ווערט פאַרענטפערט מיט דער אגדה אַז „זרע פשתן הי׳״.

ב. אין די דפוסים פון פירוש רש״י שטייט דערנאָך (צווישן חצאי עיגול): „ד״א מפרי מאיזה שבא לידו לא טוב ולא מובחר״. און אע״פ אַז אין די ערשטע דרוקן פון פירוש רש״י עה״ת שטייט ניט דער פירוש[9] — איז אָבער פאַרשטאַנדיק, אַז אויך דער צווייטער פירוש האָט אַן אָרט, וואָס דערפאַר קען זיין אַזוינע וועלכע זיינען עס גורס אין פרש״י.

1) פרשתנו ד, ג.

2) תיב״ע עה״פ. פדר״א פכ״א. תנחומא פרשתנו ט. זח״ג פז, רע״א. תקו״ז תנ״ט (קיב, א). ובר״ם [ועד״ז בתוד״ה הא בכובא ב״מ כה, א. תוס׳ רבנו פרץ, תוס׳ הרא״ש ושטמ״ק שם] הביאו בשם הב״ר, אבל בב״ר לפנינו (פכ״ב, ה) ליתא (וראה יפה תואר שם).

3) וכ״ה בספר הזכרון לפרש״י כאן.

4) פרשתנו שם, ה.

5) ראה עוד ביאורים במפרשי רש״י וב״ר (שלמדין זה מלשון הכתוב „מפרי האדמה״). ואכ״מ.

6) בשפ״ח כאן (בשם המהרש״ל) „דקשה למה כתוב מפרי האדמה הי׳ לו לכתוב מן האדמה או מפרי העץ אלא שהביא פרי מדבר שהוא כמו האדמה כו׳״ ע״ש. וצ״ע, שהרי הלשון „מפרי האדמה״* וכיו״ב הוא לשון הרגיל בתורה (ראה תבא כו, ב. שם, י ועוד).

ע״ד הרמז כו׳ — ראה רא״ם (ועוד מפרשים) לרש״י כאן. כלי יקר. טעהמ״צ ושער המצות פ׳ קדושים. דרך אמת לזח״ג שם. ועוד.

7) ב״ר שם („מן הפסולת״. וראה רא״ם הנ״ל). ובפדר״א ותנחומא שם: (מן) מותר מאכלו. וראה רד״ל לפדר״א שם.

8) לעיל ג, ח. ועוד. וראה רש״י לקמן פסוק ח.

9) ועד״ז בכת״י רש״י שתח״י. אלא שבאחדים מכת״י הגירסא ברש״י (במקום התיבות „מן הגרוע״): מן הזרע מן הבא לידו.

*) ביריעות שלמה (למהרש״ל) ד„סמכו מדכתיב מפרי האדמה ולא כתיב פרי האדמה אלא ר״ל מפרי סתם שהוא פרי העץ ועיקרו פרי האדמה כו׳״ — ואולי י״ל שע״ד הפשט אי״ז קושיא, וכמש״נ גם גבי הבל „מבכורות צאנו ומחלביהן״. ועד״ז בכ״מ. וראה לעיל הערה 5.

דאָס וואָס רש״י באַנוגנט זיך ניט מיטן ערשטן פירוש, קען מען זאָגן דעם טעם: אויב מ׳זאָל אָננעמען אַז דער חטא פון קין איז געווען דאָס וואָס ער האָט גע־בראַכט „מן הגרוע״ — פאַרוואָס איז דער פסוק סותם אַז ער האָט געבראַכט „מפרי האדמה״, ניט אויסטייטשנדיק דערביי „מהגרוע״ וכיו״ב (אַזוי ווי דער פסוק איז מפרט גלייך בײַ מנחת הבל — „מבכורות צאנו ומחלביהן״[10])?

דעריבער ברענגט רש״י נאָך אַ פירוש, אַז די מנחה איז טאַקע געווען ניט „מן הגרוע״, נאָר ווי לשון הכתוב[11] „מפרי (סתם), מאיזה שבא לידו לא טוב ולא מובחר״, און אין דעם גופא איז באַשטאַ־נען זיין חטא, וואָס ער האָט ניט מדייק געווען צו ברענגען מן הטוב והמובחר.

לפ״ז איז אָבער תמוה לאידך גיסא: בשלמא לויטן ערשטן פירוש, אַז זיין מנחה איז געווען „מן הגרוע״, איז פאַר־שטאַנדיק פאַרוואָס „ואל קין ואל מנחתו לא שעה״ — ווייל דאָס ברענגען דוקא מן הגרוע איז (ניט נאָר אַ באַווייז אַז בײַ אים פעלט דער כבוד פאַר דעם אויבערשטן, וואָס איז מחייב אַז די מנחה זאָל זיין מן הטוב והמובחר, נאָר נאָכמער, דאָס איז) היפך הכבוד — דערמיט איז מען מבזה דעם צו וועמען מ׳ברענגט די מנחה[12].

ווי קען מען אָבער זאָגן, אַז דערפאַר וואָס ער האָט זיך ניט משתדל געווען צו ברענגען „מן הטוב ומן המובחר״ און זיך מסתפק געווען מיט אַ מנחה סתם „מאיזה שבא לידו[13] — זאָל דער אויבערשטער אינגאַנצן ניט אָננעמען קין׳ס מנחה, „ואל קין ואל מנחתו לא שעה״?

ג. וי״ל דער ביאור אין דעם:

רש״י קען זיך ניט באַנוגענען מיט׳ן פירוש „מן הגרוע״, ווייל דאָס איז קשה ביותר: מיט זיין ברענגען די מנחה איז קין געווען אויסן אַרויסווייזן אַ דאַנקבאַ־רקייט צום אויבערשטן — היינט ווי קומט עס אַז ער זאָל ברענגען דוקא „מן הגרוע״[14], וואָס איז היפך המכוון פון דער מנחה?

זאת ועוד: נאָכדעם ווי קין האָט געזען אַז „ואל מנחתו לא שעה״, שטייט אין פסוק[4] „ויחר לקין מאד ויפלו פניו״ — איז תמוה: נאָכדעם ווי ער האָט געבראַכט זיין מנחה דוקא מן הגרוע, האָט ער דען דערוואַרט אַז די מנחה זאָל יע נתקבל ווערן?

מוז מען זאָגן, אַז כאָטש קין׳ס מנחה איז געווען אַזאַ וואָס איז ניט ווערט נתקבל ווערן — איז אָבער פאָרט געווען אַן אָרט אַז קין זאָל אַ טעות האָבן און מיינען, אַז זיין מנחה דאַרף נתקבל ווערן לרצון[15];

און דאָס איז רש״י מסביר ומפרש אויף צוויי אופנים: אַז די מנחה איז (א) [זייענ־דיק „מן הגרוע״] „זרע פשתן הי׳״; (ב) [אַז זי איז ניט געווען מן הגרוע, נאָר] „מאיזה שבא לידו לא טוב ולא מובחר״ — כדלקמן.

ד. דערמיט וועט אויך רעכט ווערן אַ קשיא אין סדר הכתובים:

10) פסוק ד.

11) עפ״ז יומתק מה שהעתיק רש״י עוה״פ תיבת „מפרי״.

12) להעיר ממלאכי (א, ו־ח. יב־יג): בוזי שמי גו׳ תגישון עור גו׳ וניבו נבזה גו׳ הפסח גו׳. — וה״ז מובן בפשטות (אף למי שלא למד עדיין מלאכי).

13) ויל״ע בפרש״י וישלח לב, יד.

14) כקושיית הגו״א כאן.

15) להעיר מרמב״ן כאן: ויבא קין . . והבל הביא . . הבינו האנשים האלה סוד גדול מהקרבנות והמנחות כו׳.

פריער שטייט „ויבא קין גו' מנחה לה'", און דערנאָך איז דער פסוק ממשיך „והבל הביא גם הוא גו' וישע ה' אל הבל גו'", און ערשט דערנאָך שטייט „ואל קין ואל מנחתו לא שעה ויחר גו'" — ולכאו־רה האָבן די ווערטער „ואל קין גו' לא שעה" געדאַרפט שטיין גלייך נאָכן סי־פור „ויבא קין גו' מנחה לה'" (איידער מ'דערציילט וועגן הבל)?

אפילו מ'זאָל זאָגן, אַז דער פסוק וויל פריער דערציילן וועגן ביידע הבאות המנחות און דערנאָך ווי זיי זיינען נתקבל געוואָרן — האָט פריער געדאַרפט שטיין „ואל קין גו' לא שעה" און דער־נאָך „וישע (ה') אל הבל"[16], בהתאם צום סדר פון די הבאות.

בפשטות קען מען זאָגן[17], אַז דאָס איז דערפאַר ווייל ערשט נאָכן „וישע ה' אל הבל" („ירדה אש ולחכה מנחתו"[18]), האָט קין דערפילט — פון דעם וואָס ביי אים איז לא „ירדה אש כו'" — אַז „ואל מנחתו לא שעה", און דערפאַר „ויחר לקין גו'".

ע"פ הנ"ל אָבער קען מען זאָגן, אַז דערמיט מיינט דער פסוק צו מרמז זיין, אַז דער אמת'ער „(ואל קין גו') לא שעה" איז ערשט געווען נאָכן „וישע ה' אל הבל". וואָרום בשעת קין האָט געבראַכט זיין מנחה איז נאָך געווען אַ מקום לטעות אַז דערין איז ניטאָ קיין חטא, כנ"ל;

ערשט נאָך דעם ווי קין האָט געזען אַז הבל האָט געבראַכט „מבכורות צאנו ומ־חלביהן (און דערפאַר) וישע ה' גו'", און ביי אים איז דאָס ניט געווען — האָט ער דאָך קלאָר געזען אַז די הנהגה זיינע איז געווען ניט כדבעי — און פונדעסטוועגן האָט ער אויך דאַן ניט חרטה געהאַט און ניט געטאָן עפּעס צו מתקן זיין די הנהגה (דורך ברענגען אַ צווייטע מנחה מן הטוב ומן המובחר וכיו"ב) — דערפאַר איז ערשט דאַן די תורה מדגיש די תוצאה פון דעם חטא — „ואל קין ואל מנחתו לא שעה"[19].

ה. ווי גערעדט פיל מאָל, האָט רש"י געשריבן זיין פירוש (אויך) פאַר אַ „בן חמש", וואָס הויבט ערשט אָן לערנען „מקרא"[20]. איז דערפון פאַרשטאַנדיק, אַז ווען רש"י זאָגט „זרע פשתן הי'", און איז דערביי ניט מסביר מיט וואָס פשתן איז אויסגעטיילט למעליותא פון אַנדערע „פרי האדמה", איז עס ווייל דער „בן חמש" ווייס שוין וועגן דעם.

וכפירוש רש"י פריער: אויפן פסוק[21] „שם האחד פישון" טייטשט רש"י (אין צווייטן פירוש), אַז מ'רופט דעם (נהר) מיטן נאָמען פישון — „שהוא מגדל פשתן". דערפון וואָס אַ נהר (און דערצו נאָך — דער ערשטער) ווערט אָנגערופן על שם הפשתן וואָס ער איז מגדל, איז פאַרשטאַנדיק, אַז פשתן איז אַ דבר חשוב ביותר[22].

ועפ"ז איז מובן דער קס"ד פון קין ביים ברענגען זיין מנחה: ביי אים איז אויסגעקומען, אַז דער עיקר איז נוגע

---

16) כקושיית האוה"ח עה"פ.

17) וכן משמע ברד"ק עה"פ.

18) רש"י עה"פ.

19) להעיר גם מאלשיך כאן.

20) אבות ספ"ה (כגירסת אדה"ז בסדורו).

21) ב, יא.

22) ראה גם מקץ (מא, מב) „וילבש אותו בגדי שש", וברש"י שם „דבר חשיבות הוא במצרים" (וראה ב' הפירושים בבעלי התוס' (דעת זקנים והדר זקנים) ודבק טוב (הובא בשפ"ח) שם). וראה אברבנאל כאן: מפרי האדמה מוציא הפשתן שבו יכסה האדם ערומיו. ולהעיר מזה שבגדי כה"ג ביוהכ"פ היו של בד (פשתן) — אחרי טז, ד. וראה משנה יומא (לד, ב) ע"ד גודל היוקר שלהם. וראה לקמן ס"ט.

דער מין המנחה וואָס מ'ברענגט — אַ מין וואָס איז דער טוב ומובחר שבמינים. און דערפאַר האָט ער אויסגעקליבן פשתן, וואָס איז אַ דבר חשוב ומשובח; אָבער אין דעם מין גופא, האָט ער געבראַכט „מן הגרוע".

און דאָס איז געווען דער יתרון פון מנחת הבל, וואָס אין דעם מין וואָס ער האָט געבראַכט זיין מנחה, האָט ער אויס־געקליבן „מבכורות (**צאנו**) ומחלביהן"[23].

ו. אָבער דער פירוש איז נאָך אַלץ ניט מובן, דממה־נפשך: וויבאַלד אַז קין האָט געזוכט מהדר זיין צו ברענגען פון אַ בעסערן מין, פאַרוואָס האָט ער געבראַכט „מן הגרוע" (אין דעם מין)?

קיין גרויסע קשיא איז עס ניט, ווי דער פסוק איז דערנאָך[24] ממשיך „לפתח חטאת רובץ ואליך תשקתו" — אַז דער יצר הרע האָט זיך דאָ „אַריינגעמישט" און מכשיל געווען קין'ען אין אַ חטא;

אָבער אין דעם גופא, איז עס געווען אין אַן אופן פון „לפתח חטאת רובץ", די שליטה פון יצר הרע[25] איז געווען אין אַן אופן פון „לפתח"[26] „אין דרויסן": ער האָט ניט געקענט פועל'ן אַז קין זאָל אינגאַנצן ניט ברענגען קיין מנחה, אָדער ברענגען עכ"פ „מן הגרוע" במינים; ער האָט אים בלויז מכשיל געווען במקצת — אַז ער זאָל יוצא זיין מיט ברענגען פון אַ בעסערן מין בכלל, אָבער „מן הגרוע" באותו המין.

כדי אָבער צו מאַכן נאָך גלאַטער, ברענגט רש"י (לויט כמה גירסאות, כנ"ל) אַ צווייטן פירוש — „מפרי, מאיזה שבא לידו לא טוב ולא מובחר" — וואָס לויט דעם פירוש איז מובן בפשטות פאַרוואָס קין האָט געמיינט אַז דער אויבערשטער וועט אָננעמען זיין מנחה;

[און דאָס וואָס „ואל קין ואל מנחתו לא **שעה**", איז עס דערפאַר וואָס אויך שפּעטער, נאָכדעם ווי „הבל הביא גו' מבכורות צאנו גו' וישע גו'", האָט קין ניט חרטה געהאַט און ניט געוואָלט מתקן זיין הנהגתו].

אָבער אויך דער פירוש איז שווער — און נאָך שווערער ווי דער ערשטער פירוש (ביז אַז לויט רוב גירסאות איז דאָס ניטאָ אין פירוש רש"י) — ווייל עס איז ניט מסתבר צו זאָגן[27], אַז צוליב דעם אַליין וואָס קין האָט געבראַכט סתם און ניט מן המובחר, זאָל דער אויבערשטער אינגאַנצן ניט אָננעמען זיין מנחה. און דערפאַר מוז מען אָנקומען צום פריער־דיקן פירוש און אים שטעלן אַלס פירוש ראשון ועיקרי.

ז. דערפון קומט אַרויס — די ענינים מופלאים[28] (ע"ד ההלכה) שבפרש"י — אַן ענין וואָס איז מבאר אַ (דיוק הלשון אין) רמב"ם:

דער רמב"ם[29] פסק'נט: „הרוצה לזכות עצמו" זאָל ברענגען „קרבנו מן היפה המשובח ביותר שבאותו המין שיביא

23) הביאור בזה (ע"ד ההלכה) — ראה לקמן סעיף ז־ח.

24) פסוק ז.

25) כפי' הרמב"ן „לפתח ביתך חטאתך רובץ להכשילך כו'". אבל ברש"י מפרש (כת"א) „לפתח קברך חטאך שמור". וראה תיב"ע ות"י.

26) ראה גם כלי יקר עה"פ.

27) ראה מלאכי שם.

28) לשון השל"ה במס' שבועות שלו (קפא, א).

29) סוף הל' איסורי מזבח. הובא בשו"ע יו"ד סו"ס רמח (אבל בהשמטת הבבא ע"ד הבאת קרבן כו' והראי' מהבל. — וי"ל הטעם מכיון שאינו נוגע בזמן הזה*).

*) אבל בב"י (לטיו"ד שם) שהעתיק לשון הרמב"ם בשם אומרו — מובן שאין מקום לשינויים.

**ממנו", און ברענגט דערויף דעם פסוק[30] „כל חלב לה'" און אַלס ראי' — „והבל הביא . . מבכורות צאנו ומחלביהן וישע ה' גו'". פון דיוק הלשון „שבאותו המין שיביא ממנו" איז משמע, אַז דער ענין פון „כל חלב לה'" מיינט נאָר דעם משובח (מובחר) פון דעם מין וואָס דער מענטש וויל ברענגען, אָבער ניט אַז ער זאָל אויסקלייבן (אויך) דעם בעסטן מין וואָס ער קען ברענגען[31].**

**[בדוגמא לזה געפינט מען אויך ביי מנדר זיין אַ קרבן[32], אַז „הנודר סתם מביא מן הגדולים שבמין שנדר". לדוגמא: „נדר עולה מן הבקר יביא שור" (און ניט קיין עגל) — דער מובחר אין דעם „מין שנדר"; אָבער אויך אַן עשיר מעג לכתחילה מנדר זיין אַ ביליגערן, אַ קלענערן מין (ביז אויך אַן עולת עוף[33]), ביז אַז אפילו אויב ער האָט געזאָגט „הרי עלי עולה" סתם, און ס'איז „דרך אנשי המקום" צו אָנרופן אויך עולת העוף „עולה סתם" — קען ער ברענגען אַן עולת עוף].**

**דאַרף מען פאַרשטיין: „כל חלב לה'" איז לכאורה כולל אויך דעם חלב ומובחר פון די מינים וואָס מ'קען ברענגען — פאַרוואָס זאָגט מען אַז „כל חלב לה'" מיינט נאָר „באותו המין שיביא ממנו"[34]?**

**וע"פ הנ"ל י"ל, אַז דער רמב"ם לערנט דאָס אָפּ[35] פון קרבן קין והבל, וואָס ער ברענגט אין דער הלכה אַלס ראי' בכלל אויף דעם דין הנ"ל (כנ"ל):**

**פון דעם וואָס הבל האָט געבראַכט זיין מנחה פון דעם מובחר („מבכורות . . ומחלביהן") אין דעם מין פון צאן, און האָט** ניט **מהדר געווען צו ברענגען פון אַ חשוב'ערן מין (מין הבקר)[36], ולאידך האָט קין אויסגעקליבן פון אַ מין המובחר, פשתן — און „וישע ה' אל הבל (דוקא) . . ואל קין גו' לא שעה** (כלל)**" —**

30) **ויקרא ג, טז.**

31) **כדמוכח ג"כ מהא דביש לו כבש או עז איזה שירצה מקריב (סוף כריתות) — אף שקרבן צ"ל „מן היפה המשובח ביותר", והרי רק בכבש יש הוספת אלי' (פסחים צו, ב)* — כי ממין למין אחר אינו מחוייב.**

32) **בהבא לקמן — ראה רמב"ם הל' מעשה הקרבנות פט"ז ה"ג ובלח"מ שם.**

33) **וי"ל שזהו דיוק לשון הש"ס (מנחות קד, ב. הובא** ברש"י **עה"ת ויקרא ב, א) „מי דרכו להביא כו' עני" — היינו שכן הוא הדרך, אבל אפשר להיות שעשיר ג"כ יביא מנחה.**

*) וי"ל שזהו הטעם שע"ד הרוב הקריבו ק"פ מן הכבש (תוד"ה מאלי' פסחים ג, ב), ורוב עד כ"כ — שב„סדר קרבן פסח" אף שמתחיל ש„מביא מן הכבשים או מן העזים" ממשיך וכולל בהאימורים גם האלי' (מבלי להקדים (ואם כבש הוא), שאינה אלא בכבש.

34) **ולהעיר שבשו"ע שם** ליתא **תיבות אלו (ואף שהשמיט כל הבבא, כנ"ל הערה 29 — הרי מקום לכללו בהבבא שהביאה).**

35) **עיין שבועות (טו, א): אילימא ממין גדול (של בקר ולא של צאן — רש"י) כו' אלא גדולות במינן (מאותו המין שהיו שהביאו גדולות ולא קטנות — רש"י). וראה תוד"ה ללמדך שם, שקושיית הש"ס „מי איכא חשיבותא קמי שמיא" היא לא שאין צ"ל „גדולות במינן" — שהרי צ"ל „מיוחד שבעדרו" (יומא לד, ב) — כ"א ש„לא הי' לו להתפאר בכך" (וראה לקו"ש חי"ב ע' 10 שוה"ג להערה 3).**

**אבל משם יש ללמוד רק בנוגע לדין שקרבן צ"ל „מן המובחר" (משנה מנחות רפ"ט. רמב"ם הל' איסורי מזבח רפ"א, פ"ב ה"ח, רפ"ו ורפ"ז), אבל לא בנוגע להדין ד„כל חלב לה'" שהוא הידור** נוסף, **למי ש„רוצה** לזכות עצמו **כו'" (ראה בארוכה לקו"ש שם ע' 130 הערה 11 ובשוה"ג לשם. חכ"ז ע' 8 ואילך).**

36) **כקושיית הגו"א כאן*. וראה בחיי כאן (פסוק ז' — „ועל דרך השכל") „מנחתו הצאן שהיא שפלה מכל בעלי חיים".**

*) אבל בפשטות אינו קושיא, לכאורה, כי מכיון שהבל הי' **רועה צאן** (פסוק ב) הביא מבכורות **צאנו** כו'. דלא מצינו חיוב להשתדל ולחפש (**ולקנות**) מין משובח יותר — מה שאין „בא לידו".

איז דערפון אַ הוכחה, אַז „כל חלב לה'" איז מחייב צו ברענגען „מן היפה המשובח ביותר שבאותו המין שיביא ממ־נו", אָבער ניט פון דעם מין הכי משובח.

ח. אָבער דאָס גופא דאַרפן פאַרשטיין: מאי טעמא — אין וואָס באַשטייט די מעלת המנחה „מן היפה המשובח ביותר שבאותו המין" לגבי אַ מנחה מן המובחר שבמינים?

ויש לומר די הסברה בזה:

דער תוכן הענין פון „כל חלב לה'" י"ל, אַז דערמיט אַנערקענט דער מענטש אַז „לה' הארץ ומלואה"[37], אַז אַלץ געהערט צום אויבערשטן, און דערפאַר גיט ער אָפּ דעם אויבערשטן פון די (ערשטע[38] און) בעסטע וואָס ער פאַרמאָגט[39].

און ווײַבאַלד אַז „לה' הארץ ומלואה" איז כולל אַלץ וואָס איז דאָ אין וועלט, סיי מינים יפים ומשובחים און סיי מינים פשוטים כו', דערפאַר איז „כל חלב לה'" ניט קיין ענין וואָס באַציט זיך נאָר צו די מינים משובחים

— וואָס דאַן זאָגט זיך ניט אַרויס די הכרה פון דעם אויבערשטנ'ס בעל־הבתי'שקייט אין יעדן[40] מין ומין אין דער בריאה [אויך, לפ"ז וועט אויסקומען, אַז דער וואָס האָט ניט קיין מינים משובחים, קען ניט מקיים זיין „כל חלב לה'"[41]] —

נאָר דער חיוב איז צו געבן דעם אויבערשטן „מן היפה המשובח ביותר שבאותו המין" — פון יעדן מין וואָס דער איד וויל געבן — וואָס דערמיט באַווייזט ער, אַז יעדער זאַך פון אַלץ וואָס ער האָט געהערט צום אויבערשטן.

ט. ע"פ הנ"ל וועט מען אויך פאַר־שטיין דעם טעם הפנימי פאַרוואָס קין האָט ניט אויסגעקליבן זיין מנחה פון דעם מובחר „שבאותו המין" (נאָר בלויז אַ מין המובחר — פשתן):

דער אַלטער רבי איז מבאר אין לקו"ת[42], אַז קרבן קין פון זרע פשתן איז בדוגמא צו די בגדי בד (פשתים) לבן פון כה"ג ביום הכפורים, וועלכע זיינען מרמז אויף „עולם האחדות"[43]; און דער ענין האחדות פון בד (וואָס זיין צמיחה איז אין אַן אופן פון „קנה יחידי מכל גרעין"[44]) איז ניט דער ענין פון „אחדות מן הפי־רוד" [ע"ד ווי די ד' מינים שבלולב, וואָס זייער ענין האחדות איז נאָר וואָס „גדי־לים באחוה" וכיו"ב, אָבער „עצם צמיחתן מחולקים ומפורדים"], נאָר אַן ענין פון „יחידי בעצם"[45].

37) לשון הכתוב תהלים כד, א.

38) ראה חינוך (מצוה יח — בכור) „למען דעת כי הכל שלו כו' וחביב עליו ראשית פריו כבבת עינו מיד נותנו להקב"ה כו'".

39) ברמב"ם ושו"ע שם, שהוא כדי „לזכות עצמו יכוף יצרו כו'" — אבל מובן, שאי"ז בשביל כפיית היצר סתם (בלי תוכן מיוחד), כ"א שמכיון שיש בנתינת כל חלב לה' ענין ההכרה דלה' הארץ ומלואה וכו' לכן יש לו לכוף יצרו ע"ז.

40) להעיר מהפירוש במש"נ רם על כל גוים גו' השמים גו' (אבל באמת) בשמים ובארץ (לקו"ת שה"ש לו, ב. מ, ד. ובכ"מ).

41) אף שקרבנו מתקבל כמו קרבן עשיר, דא' המרבה וא' הממעיט כו' (מנחות בסופה) — מכיון שלא הי' ביכלתו להרבות (ראה לקו"ש שצויין בהערה 35 (ע' 10)), ועד שיש מעלה בקרבן עני ד„נפש כי תקריב — כאילו הקריב נפשו" (ראה לעיל הערה 33) — מ"מ ע"פ הנ"ל קס"ד שחסר בזה הקיום דכל חלב לה'.

42) אחרי כח, רע"ג.

43) להעיר דגבי נהר פישון נאמר „שם האחד", וברש"י לעיל (א, ה) „למה כתב אחד כו' יחיד בעולמו" (אבל ראה דברי דוד ושפ"ח לרש"י שם). וראה זח"א קכה, סע"א (במהנ"ע).

44) רש"י זבחים יח, ב — הובא בלקו"ת אחרי שם (סע"ב).

45) ראה בכ"ז עטרת ראש שער יוה"כ פ"ב

און וויבאַלד אַז קין[46] האָט געוואָלט ממשיך זיין בחי׳ יחיד שלמעלה מהתחלקות הפרטים, איז אים דערפאַר ניט געווען נוגע צו ברענגען דעם מובחר „שבאותו המין״, וואָס דאָס ברענגט אַרויס אַז עס איז דאָ התחלקות (מובחר, סתם, גרוע) און וויבאַלד אַז דער אויבערשטער איז דער בעל־הבית אויף יעדן מין שבעולם (כנ״ל ס״ח) בריינגט ער המובחר —

אָבער אעפ״כ איז דאָס ניט געווען כפי הכוונה[47]. ווייל די שלימות המכוון איז ניט אַזוי דער הרגש האחדות פון דעם אויבערשטן אין דער בחי׳ פון יחיד, וואָס איז מחייב צו זיין „אויסגעטאָן״ פון עניני העולם — (וואָס דאַן קומט אויס, אַז ווען מ׳לאָזט זיך אַראָפּ אין וועלט רייסט מען זיך אָפּ פון אחדותו ית׳) — נאָר דער ענין פון „אחד״[48], וואָס איז מחייב אַוועקצוגעבן צום אויבערשטן דעם „יפה המשובח ביותר שבאותו המין שיביא ממנו״, כנ״ל בארוכה.

יו״ד. דאָס איז אויך די הוראה בעבודת כאו״א אויף וויפל מ׳דאַרף זיין געהיט און געוואָרנט אין דעם ענין פון הידור מצוה[49]:

מה־דאָך קין, וואָס האָט געהאַלטן ביים הרגש פון בחי׳ יחיד (פשתן), און אעפ״כ, וויבאַלד עס האָט אים געפעלט אין דעם הידור צו ברענגען מן המובחר (שבאותו המין), איז ער דערנאָך אַראָפּגעפאַלן למטה; אַז אַנשטאָט דעם וואָס מנחת הבל האָט אים געדאַרפט ברענגען צו (קנאת סופרים תרבה חכמה[50] —) מרבה זיין אין זיין מנחה (ביז עס זאָל אין איר זיין ביידע מעלות: סיי פון מין המשובח (פשתן), און סיי דער מובחר שבמין זה) — איז ער ר״ל אַראָפּגעפאַלן אין אַ קנאה, ביז „ויקם קין אל הבל גו׳״[51],

עאכו״כ ביי יעדערן פון אונז, אַז מ׳דאַרף כסדר „קלעטערן״ העכער און העכער אין עבודת ה׳ (ווי איינער וואָס קלעטערט אַרויף אַ באַרג, וואָס אויב ער זאָל זיך אָפּשטעלן לרגע קטן קען ער ר״ל אַראָפּפאַלן) — און מוסיף זיין כסדר אין הידור מצוה, אַז יעדער ענין שבקדושה זאָל זיין „מן הנאה והטוב״, ביז „מן היפה המשובח ביותר״,

און ווען אַ איד גיט אַוועק זיין בעסטע צום אויבערשטן, צאָלט אים אָפּ דער אויבערשטער מיט כל טוב גשמי ורוחני, מידו המלאה הפתוחה הקדושה והרחבה.

(משיחות ש״פ בראשית תשל״ה,
יום שמח״ת תש״ל)

---

(וראה גם לקו״ש חי״ט ע׳ 359). — וע״פ המבואר יומתק לשון רש״י הנ״ל „קנה יחידי״ (ולא „אחד״), וראה הערה 43.

46) להעיר אשר קין הוא הראשון ש(הביא ו)עשה תשובה (מדרש תהלים מזמור ק. ב״ר ספכ״ב) והקב״ה עשאו אות לבעלי תשובה (ב״ר שם, יב) וחקק בו „אתא מן שמא רבא ויקירא״ (תיב״ע ד, טו. וראה פרש״י שם). ועליו נאמר קניתי איש את הוי׳ (ד, א). ועיין בכתהאריז״ל מדריגת קין. ואכ״מ.

47) ראה הגהות ללקו״ת שם שנעתקו בהוספות להערות וציונים ללקו״ת (עא, ב — בהוצאת שנת תשכ״ה) — ע״ד חטא קין ע״ד הקבלה (ושם נת׳ באו״א). ואכ״מ.

48) כידוע ההפרש דאחד ויחיד (ראה תו״א נה, ב. אמרי בינה שער הק״ש פ״ח ואילך. ועוד). וראה לקו״ש שם סעיף ח׳ העילוי באחדות זו.

49) ראה ספרי ס״פ קרח: שאם הפרשתם אותו שלא מן המובחר (ש)אתם בנשיאות עון. וראה בארוכה לקו״ש חל״ג (ע׳ 120 ואילך), שהכוונה בזה היא (לא להענין דתורם מן הרעה על היפה שבש״ס — יבמות פט, ב. וש״נ — כ״א) שגם התורם מן היפה על היפה צריך לתרום מן המובחר (שביפה). וראה של״ה ס״פ קרח.

50) ב״ב כא, א. כב, רע״א.

51) פסוק ח.